

# איז עס שוין
# פסח?





TU
TORAHUMESORAH

חזקי האט זיך אויפגעוועקט פרי איין טאג.



ער האט געקוקט אויף חי׳ און געפרעגט,
״איז עס שוין פסח?״

״ניין, חזקי,״ האט חי׳ געזאגט.
״ערשט דארפן מיר וואשן און רייניגן פאר פסח.״



חזקי און חי' האבן געוואשן אלע שפילצייג,
אויסגערוימט די חמץ, און גוט גערייניגט די ווענט.



„איז עס שוין פסח?"
האט חזקי געפרעגט.

„ניין, חזקי," האט חי' געזאגט.
„ערשט דארפן מיר כשר'ן די קאך פאר פסח."



חזקי און חי׳ האבן צוגעקוקט ווי זייער טאטע גיסט
הייסע וואסער איבער די גאנצע קאך.
דערנאך, האבן זיי געהאלפן צודעקן אלע counters
מיט זילבער פאפיר.



"איז עס שוין פסח?"
האט חזקי געפרעגט.

"ניין, חזקי," האט חי' געזאגט.
"ערשט דארפן מיר קאכן פאר פסח."



חזקי און חי' האבן געשיילט אסאך גרינצייג און קארטאפל. דערנאך, האבן זיי אלעס געלייגט אין א גרויסע טאפ.



"איז עס שוין פסח?"
האט חזקי געפרעגט.

"ניין, חזקי," האט חי' געזאגט.
"ערשט דארפן מיר צוגרייטן צען שטיקלעך
ברויט פאר בדיקת חמץ."



חזקי און חי' האבן פארזיכטיגערהייט איינגעוויקלט
צען שטיקלעך ברויט. זיי האבן באהאלטן די ברויט
און געווארט מיט גערדולד פאר זייער טאטע צו טוען
בדיקת חמץ.



"איז עס שוין פסח?"
האט חזקי געפרעגט.

"ניין, חזקי," האט חי' געזאגט.
"ערשט דארפן מיר גיין שלאפן.
ווען מיר וועלן אויפשטיין מארגן אינדערפרי,
וועלן מיר זיך גרייטן פאר פסח."



חזקי און חי׳ זענען געגאנגען שלאפן. זיי זענען
געשלאפן רוהיג און גע׳חלומ׳ט וועגן די סדר
וואס וועט פארקומען די קומענדיגע נאכט.



„איז עס שוין פסח?"
האט חזקי געפרעגט די נעקסטע אינדערפרי.

„ניין, חזקי," האט חי' געזאגט.
„ערשט דארפן מיר פארברענען די חמץ."



חזקי און חי' האבן גענומען די חמץ צו פארברענען. זיי האבן צוגעקוקט פון דערווייטענס בשעת זייער טאטע האט אריינגעווארפן די ברויט אין די פייער.



"איז עס שוין פסח?"
האט חזקי געפרעגט.

"ניין, חזקי," האט חי' געזאגט.
"ערשט דארפן מיר צוגרייטן די סדר טיש."



חזקי און חי' האבן אויסגעשפרייט א הערליכע ווייסע
טישטעך. זיי האבן געלייגט די קערה אינמיטן פון די טיש,
און א כוס און הגדה ביי יעדער פלאץ.



"איז עס שוין פסח?"
האט חזקי געפרעגט.

"ניין, חזקי," האט חי' געזאגט.
"ערשט דארפן מיר זיך אפרוען."



חזקי און חי' זענען געגאנגען שלאפן מיט א
שמייכל. ווען זיי האבן זיך אויפגעוועקט האבן זיי
זיך געבאדן, אנגעטועט שיינע יום טוב קליידער, און
געזאגט "גוט יום טוב" צו זייער טאטע ווען ער איז
געגאנגען צו שוהל.



"איז עס שוין פסח?"
האט חזקי געפרעגט.

"יא, חזקי!" האט חי' געזאגט.
"יעצט איז שוין פסח!"

א כשר'ן פסח!






ADAPTED FROM "IS IT SHABBOS YET?" BY ELLEN EMERMAN
ILLUSTRATED BY TOVA LEFF COPYRIGHT 1990 HACHAI PUBLISHING
USED WITH PERMISSION.

everyschool.
everyteacher
everychild.
TORAHUMESORAH